# ירושלימער

# אַלמאַנאַך

צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און
געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען

26

תשנ״ח

23טער יאָרגאַנג

# ירושלימער

# אַלמאַנאַך

צײַטשריפט

**פֿאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען**

רעדאַקטאָרן:

**יוסף קערלער**

און

**דוב־בער קערלער**

**קאָרעקטור: מוסיע לאַנדאַו**

**פֿאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר: ח. שענקער**

# 26

ביבליאָטעק פון דער משפחה קאַץ
מעינקע, רבקה און הירשע-דוד

1998
תשנ״ז–תשנ״ח

# אינהאַלט


אברהם סוצקעווער (תל אביב) / פינף נייע לידער 7

דוד וואָלפע (יאָהאַנעסבורג) / פאַר דיר אברהם — סוצקעווערן (ליד) 11

## אויף דער וואַך פון זכרון

מאיר יעלין (קיראון) / אויף הייסע שפורן (אין קאָוונער געטאָ) 12

צבי כנר (תל אביב) / דער גזר־דין 22

בינם העלער / ״אין וואַרשעווער געטאָ איז חודש ניסן״ 26

מישע לעוו (רחובות) / בערעק שלעזינגער און וואַגנער-מענדעל 31

## קיום

מרדכי צאַנין (תל אביב) / מייסע און זיינע קעץ 51

רבקה באַסמאַן (תל אביב) / אָונטיקע פאַרבן (נייע לידער) 57

הירשע־דוד מעינקעס (קאַפּעלולו, ווײלז) / נחת פון בנימין 59

דוד וואָלפע (יאָהאַנעסבורג) / דער מלאך פון מיין מאַמעס חלום 73

יוסף קערלער (ירושלים) / די וועלט (נייע לידער) 76

יענטע מאַש (אַשדוד) / דער נע־ונדניק (המשך) 81

זיאַמע, זיאַמע / י.ק. 96

זיאַמע טעלעסין / פאַרוואָלגערטע לידער (פון עזבון) 98

רחל בוימוואָל (ירושלים) / שיבעה 101

מוסיע לאַנדאַו (תל אביב) / דער סאַמאָוואַר 109

וועלוול טשערנין (קדומים) / עת לכל דבר (היינטיקע און נעכטיקע לידער) 129

צבי אייזנמאַן (קיבוץ אלונים) / דער פאַרטריבענער מלאך 134

טאָמאַס סאָקסבערגער (ווין) / יונה (נייע לידער) 138

באָריס סאַנדלער (ניו־יאָרק) / למד־וואָווניקעס פון מיין זכרון 142

יעקב בסר (תל אביב) / מיין מאַמע אינעם חושך פון שאַנק 158

עפרה אליגון (תל אביב) / דער פרייז 159

אַלעק נאַטאַס (תל אביב) / זעלבסטמאָרד 166

אלעקסאַנדער ליזען (לעמבערג) / אומשטערבלעכקייט 169

באָריס קאַרלאָוו (אָקספאָרד) / טריישאַפּט (נייע לידער) 174

## אויפן סדר היום

הירשע־דוד קאַץ (קאַפּעלולו, ווײלז) / טעלעגראַמע צום מאַנגער־אָוונט אין תל אביב 179

יוסף מלאָטעק (ניו־יאָרק) / אַב. קאַהאַן, דער ״פאָרווערטס״ און די יידישע ליטעראַטור 182

יצחק לודען (תל אביב) / יידישע ליטעראַטור לעבט און שאַפט אויך היינט 186

אליעזר וויזעל (ניו־יאָרק) / אַן אויסדרוק פון יידישער האָפענונג און אויסדויער 192

ברוך מיטשעל (אָקספאָרד) / יידיש ביי די ליובאַוויטשער און דער ״אַלגעמיינער זשורנאַל״ 193

## פון יענע יאָרן


אברהם קאַרפּינאָוויטש (תל אביב) / געוועזן, געוועזן אַמאָל ווילנע 196
שלמה כּאַלאָווסקי (קיבוץ עין השופט) / וועגן דער־אָ ניעסוויזש 204
שמואל האַלקין / דער בער 207
נחמה ליפשיץ (תל אביב) / מיט האַלקינען 209
יוסף קערלער (ירושלים) / ביי האַלקינס ארון 213
ירמיה דרוקער / אַן ענטפער אויף דער "רעפליק" פון איינעם אַ דניאל שיידבערג 214


## קונסט


רחל ווישניצער־בערנשטיין / ווי אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט די יידישע קונסט־מאָלעריי
אין רוסלאַנד און פוילן 217
עקיבא פישבין (ירושלים) / פעליקס נוסבוים — דער מאָלער פון ערב חורבן 224
מישע לעוו (רחובות) / דאָס איז געוועזן אַמאָל, אַמאָל (אַ וואָרט וועגן מענדל גאָרשמאַן) 229


## ליטעראַטור און לשון


הירשע־דוד קאַץ (קאַפּעלולאָ) / פּאַרוואָס הייסן מיר אשכנזים 235
אברהם ליס (תל אביב) / יעקב גלאַטשטיינס יידישע ווערטן 250
וועלוול טשערנין (קדומים) / צוויי שליחי ציבור: העשל ראַבינקאָוו און צבי פּרייגערזאָן 257
גרשון וויינער (ירושלים) / וועגן מרדכי צאַנינס אני־מאמין 271


## ביכערוועלט


אלישבע כהן־צדק (רחובות) / די אַנדערשקייט פון צבי כנר 276
אברהם גרינבוים (ירושלים) / וויכטיקע נייע זאַמלונג וועגן יידישן טעאַטער
אין ראַטנפאַרבאַנד 280
אברהם קאַרפינאָוויטש (תל אביב) / ווילנער גובערניע אַמאָל — אין לעבעדיקן זכרון 283
אלי ביידער (ירושלים) / משה שקליאַרס "מאָלן די אַמאָלן" 286
פנחס ערליך (רחובות) / אלישבע כהן־צדקס "פאַרגעס־מיך־ניט" 289
אַלעקסאַנדער ליזען (לעמבערג) / ווילנע אַלס עלעגישער לייטמאָטיוו 292


## מיט אַ שמייכל


אלי ביידער (ירושלים) / "גאָטס וועלט איז רייך מיט לעבעדיקע ברואים..." 295
מרים שמולעוויטש־האָפמאַן (ניו־יאָרק) / "קלאָגנען" אָדער נישט "קלאָגנען" 298
יוסף קערלער (ירושלים) / גוטער דאָקטער ווייַ־צו־מיר 302


## ביאָ־ביבליאָגראַפיע


ביאָ־ביבליאָגראַפיע 305

נייע ביכער: 25, 56, 72, 75, 128, 133, 137, 165, 173, 180, 181, 191, 195, 203, 206, 279 285, 288, 301, 304

אונדז איז נוגע וואָס שוין די גמרא (אין תלמוד בבלי, וואָס איז אויפגעשריבן געוואָרן צווישן דעם דריטן יאָרהונדערט און דעם יאָר 500 בערך), אידענטיפיצירט גומר גופא — אשכנזעס טאַטע (ניט זיין פעטער) — מיט "גרממיא". די זעלביקע אידענטיפיקאַציע טרעפט מען אין ירושלמי אין מסכת מגילה: "גומר גרממייה. מגוג גותייא" (ירושלמי, מגילה, פרק א׳ הלכה יא).[19]

פאַרשטייט זיך אַז די־אָ "גרממיא" פון דער גמרא איז אויך ניט דייטשלאַנד. וועגן דעם, וואָס און וואו דאָס איז, האָט מען ניט ווייניק אָנגעשריבן און פאַרדרשנט ביי די געלערנטע. טייל האַלטן אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַן אַמאָליקן (און לאַנג אויסגעלאָשענעם) פאָלק, די סימעריאַנער, וועמענס לעצט וואוין־אָרט עס איז געווען אין אַ פּראָווינץ וואָס געפינט זיך היינט אין טערקיי. דער אַרמענישער נאָמען אויף יענער פּראָווינץ איז "גאַמיר".[20]

אַן אָנשפּאַר פאַר אַ טערקיש־אַרמענישער שייכות ברענגט מען פונעם תרגום יחזקאל וואו "תוגרמה" (אַ טראַדיציאָנעלע באַצייכענונג אויף טערקיי) ווערט צוויי מאָל איבערגעזעצט "גרממיא" (יחזקאל כז: יד; לח: ו). אינעם זעלבן מדרש, וואָס איז פריער ציטירט געוואָרן ווערט אויך געבראַכט אַ מסורה אַז, אשכנז, ריפת און תוגרמה, דאָס זענען: "אסייֿא והדייף וגרמנייא", ס׳הייסט אַז "גרמניא" באַציט זיך אויף תוגרמה, דהיינו: טערקיי. און גלייך אויף אַן אָרט ברענגט דער מדרש אַז ר׳ ברכיה זאָגט ניט "גרמניא" נאָר וואָדען "גירמניקייא" (בראשית רבה לז: א).

אַנדערע זוכן "גרממיא" ערגעץ אין בבל. און די גמרא מגילה אין תלמוד בבלי דערמאָנט "גרממיא של אדום" (דף ו עמוד ב), אַן אָנצוהערעניש אויף אַ צווייטער, דעמאָלט־באַקאַנטער גרממיא.

אַכלל, די פראַגע וועגן דעם, וואו געווען עס איז געווען יענע "גרממיא", וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין דער גמרא, איז ניט שייך. דער עיקר איז, וואָס גומרן (אשכנזעס פאָטער) האָט מען שוין אין די תלמודישע צייטן אידענטיפיצירט מיט אַן אָרט וואָס הייסט גרממיא. איז עס זייער לייכט משיג צו זיין, ווי אַזוי עס איז דערנאָכדעם אויסגעוואַקסן אַ נייע טראַדיציע אַז גומרס זון אשכנז האָט אַ שייכות מיט אַ נייעם לאַנד וואָס יידן האָבן באַזעצט, און וואָס רופט זיך Germania. מ׳האָט שפּילעוודיק

19 אַ דאַנק משה־נתן ראָזענפעלדן פאַרן אויפזוכן דעם טעקסט אין דער אויסגאַבע ווענעדיג 1523; דאָרטן קומט עס אויס דף עא; אין שפּעטערדיקע אויסגאַבעס — פאַרשיידן (אין די נייערע אויסגאַבעס, וואו די נומעראַציע גייט לויט יעדער מסכתא באַזונדער (עלעהיי אין בבלי), איז גאָר ניטאָ אין מגילה קיין דף עא).

20 וועגן די פאַרשיידענע השערות, זע למשל M[ax] M. M[argolis], "Ashkenaz": pp. 191-192, *The Jewish Encyclopedia*, vol. 2. Funk & Wagnalls: New York & London 1902, p. 192; Maurice Simon, *Megillah. Translated into English with Notes, Glossary and Indices*. Soncino Prees: London 1938, 30, n. 2; גרינץ 1971 (זע הערה 6). פגל. דעם סך־הכל און די ביבליאָגראַפיע וואָס ביי דויטש (1902, זע הערה 6), ז. 193.

# ליטעראַטור און לשון

הירשע־דוד קאַץ

## פאַרוואָס הייסן מיר ״אשכנזים״?

### I

דער ווייט גרעסטער חלק יידן איבער דער וועלט, וואָס שטאַמען פון צענטראַל און מזרח אייראָפּע זענען: אשכנזים, אָפּשטאַמיקע פון יענעם יידישן שבט וואָס האָט זיך באַזעצט מיט לפּחות טויזנט יאָר צוריק אויף די ברעגן פון די צוויי טייכן, ריין און דאָניי.[1] זיי איז באַשערט געווען פאַנאַנדערוואַקסן אין איינעם פון די גרעסטע און שעפערישסטע קיבוצים אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. די ״שבטימשאַפט״ איז דאָ ניט קיין איינריידעניש, נאָר אַ וויסנשאַפטלעך־באַשטעטיקטע. אַנטראָפּאָלאָגן האָבן שטודירט די שייכותדיקע פיזישע אייגנאַרטיקייטן.[2] ביאָלאָגן וועלכע פאָרשן אַזעלכע קראַנקייטן ווי טעי־סאַקס, ווייזן אויך אָן אַז די אשכנזים שטעלן מיט זיך פאָר אַ גענעטיש־ספּעציפישן שטאַם.

אַז ס׳גייט די רייד וועגן שפּראַך, זענען דאָך די אשכנזים: די יידיש־ריידנדיקע יידן אין דער אייראָפּעאישער (און וועלט) געשיכטע. אין משך פון אַ סך הונדערטער יאָרן איז די עקוויוואַלענץ ״אשכנזי = יידיש ריידנדיקער ייד״ (דערצו אויך: פרומער, טראַדיציאָנעלער ייד) געווען שיער ניט אַ הונדערט־פּראָצענטיקע. נאָר אין גאַנג פון די פאַרגאַנגענע צוויי הונדערט יאָר זענען אַ סך אשכנזים אַריבער אויף אַנדערע שפּראַכן (קודם אויף דייטש אין די דייטש ריידנדיקע שטחים און שפּעטער־צו אויף אַ ריי אַנדערע שפּראַכן אין די עמיגראַציע לענדער). דאָס אַלץ געהערט אָבער אָן אַנדער קאַפּיטל.

ס׳איז וואויל באַקאַנט אַז לפּחות טויזנט יאָר האָט מען זיך באַנוצט אין דער רבנישער ליטעראַטור מיטן וואָרט ״אשכנז״ ווי אַ באַצייכענונג אויף ״דייטשלאַנד״ אָדער ״די דייטש ריידנדיקע לענדער״. פון זינט דעם ערשטן קרייצפּאָר, מיט אַ 900

1 די אַרבעט איז אָנגעשריבן געוואָרן אַדאַנק אַ סובווענץ פון קרן אברהם י. לערנער. איך דריק אויס מיין טיפע דאַנקבאַרקייט דעם קרן לערנער. בשעתן צוגרייטן די אַרבעט זענען ברייטהאַרציק צו הילף געקומען שמואל היילע, דוב־בער קערלער און משה־נתן ראָזענפעלד. זיי אַלעמען אַ יישר־כח. פאַרשטייט זיך, אַז די פולע אחריות פאַרן תוכן טראָגט דער מחבר אַליין.

2 זע למשל Sigmund Feist, *Stammeskunde der Juden. Die jüdischen Stämme der Erde in alter und neuer Zeit,* J. C. Hinrichs'sche Buchhandlung: Leipzig 1925, pp. 127-138, XXXIII-XXXVIII.

יאָר צוריק (אין 1096), האָבן די יידן אין דייטשלאַנד גענומען אויסוואַנדערן אין אַנדערע לענדער (און אין מזרח אייראָפּע בפרט), זוכנדיק מנוחה, טאָלעראַנץ און אַ בעסער לעבן. דער סוף איז געווען אַז מ׳האָט דעם נאָמען ״אשכנזים״ צוגעאייגנט צו די אַלע יידן וואָס שטאַמען פון די דייטש ריידנדיקע שטחים. מאַקס ווײַנרײַך האָט דעם סעמאַנטישן איבערגאַנג כאַראַקטעריזירט מיט זיין קלאַסישער פאָרמולירונג: ״דער נאָמען אשכנז האָט זיך אויסגעטאָן פון טעריטאָריע; געאָגראַפיע איז מגולגל געוואָרן אין געשיכטע״.[3]

ווען עס זענען אויפגעקומען די פאַרשיידענע יידישע ציוויליזאַציעס אין אייראָפּע, איז ביי זיי אַלע געוואָרן אַ טראַדיציע, ״זיך אַליין אָנרופן״ מיט אַן אוראַלטן נאָמען, בדרך כלל פון תנ״ך. שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָט מען אָנגערופן ״ספרד״ און די יידן דערין — ״ספרדים״. געווען אויך אַנדערע שבטים וואָס זענען סוף־כל־סוף פאַרשוואונדן געוואָרן ווי באַזונדערע ישן (למשל די ״כנענים״ אין די סלאַווישע לענדער, די ״לעזים״ אין פראַנקרייך און איטאַליע). געבליבן זענען צוויי עיקרדיקע אייראָפּעאיש־יידישע קולטורן: אשכנז און ספרד.

## II

טאָ צוליב וואָס האָט מען ״אָנגעמאָסטן״ דווקא ״אשכנז״ אויף די דייטש ריידנדיקע געביטן אין צענטראַל אייראָפּע?

דעם נאָמען ״אשכנז״ טרעפט מען אין תנ״ך גאַנצע דריי מאָל.

1) אין ספר בראשית, פרק י, פסוק ג. די ערשטע פינף פסוקים:

(א) ואלה תולדת בני נח שם חם ויפת ויולדו להם בנים אחר המבול: (ב) בני יפת גמר ומגוג ומדי ויון ותבל ומשך ותירס: (ג) ובני גמר אשכנז וריפת ותגרמה: (ד) ובני יון אלישה ותרשיש כתים ודדנים: (ה) מאלה נפרדו איי הגוים בארצתם איש ללשנו למשפחתם בגויהם:

לויט יהואשן:

(א) און דאָס זיינען די געבורטן פון נחס קינדער: שם, חם, און יפת; און ביי זיי זיינען געבאָרן געוואָרן זין נאָכן מבול. (ב) די זין פון יפתן זיינען געווען: גומר, און מגוג, און מדי, און יוון, און תובל, און משך, און תירס. (ג) און די זין פון גומרן: אשכנז, און ריפת, און תוגרמה. (ד) און די זין פון יוונען: אלישה, און תרשיש, כתים און דודנים. (ו) פון די דאָזיקע האָבן זיך פאַנאַנדערגעשיידט די אינדזלען פון די פעלקער אין זייערע לענדער, איטלעכער לויט זיין לשון, לויט זייערע משפחות, אין זייערע פעלקער.[4]

3 מאַקס ווײַנרײַך, געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. באַגריפן, פאַקטן, מעטאָדן (IV בענד), יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט: ניו־יאָרק, באַנד I, ז. 5.

4 דאָ און ווייטער ווערט יהואש געבראַכט לויט: תורה נביאים וכתובים. עם תרגום יהואש, יהואש פאַרלאַג געזעלשאַפט: ניו־יאָרק 1941 (II בענד).

2) אינעם נוסח וואָס טרעפֿט זיך באַלד ביים אָנהייב פֿון דברי הימים א, ציט זיך אשכנזעס יחוס־אבֿות אַזש פֿון אדם־הראשונען (גאָרנישט קיין שלעכטער יחוס!):

(א) אדם שת אנוש: (ב) קינן מהללאל ירד: (ג) חנוך מתושלח למך: (ד) נח שם חם ויפת:
(ה) בני יפת גמר ומגוג ומדי ויון ותבל ומשך ותירס: (ו) ובני גמר אשכנז וריפת ותוגרמה:
(ז) ובני יון אלישה ותרשישה כתים ודדנים:

לויט יהואשן:

(א) אדם, שת, אנוש; (ב) קינן, מהללאל, ירד; (ג) חנוך, מתושלח, למך; (ד) נח, שם, חם, און יפת.
(ה) די זין פֿון יפֿתן: גומר, און מגוג, און מדי, און יוון, און תובל, און משך, און תירס.
(ו) און די זין פֿון גומרן: אשכנז, און ריפת, און תוגרמה. (ז) און די זין פֿון יוונען: אלישה, און תרשישה, די כתים, און די דודנים.

3) אַ דריטע דערמאָנונג טרעפֿט זיך אין ירמיהו הנביאס אַ בייזער נבֿואה אויף בבל. דאָרטן (ירמיהו נא: כז־לב) טרעפֿט מען די שורות:

(כז) שאו נס בארץ תקעו שופר בגוים קדשו עליה גוים השמיעו עליה ממלכות אררט מני ואשכנז פקדו עליה טפסר העלו סוס כילק סמר: (כח) קדשו עליה גוים את מלכי מדי את פחותיה ואת כל סגניה ואת כל ארץ ממשלתו: (כט) ותרעש הארץ ותחל כי קמה על בבל מחשבות יי לשום את ארץ בבל לשמה מאין יושב: (ל) חדלו גבורי בבל להלחם ישבו במצדות נשתה גבורתם היו לנשים הציתו משכנתיה נשברו בריחיה: (לא) רץ לקראת רץ ירוץ ומגיד לקראת מגיד להגיד למלך בבל כי נלכדה עירו מקצה: (לב) והמעברות נתפשו ואת האגמים שרפו באש ואנשי המלחמה נבהלו:

לויט יהואשן:

(כז) הייבט אויף אַ פֿאָן אין לאַנד,
בלאָזט אַ שופֿר צווישן די פֿעלקער,
ברייט אָן קעגן איר די פֿעלקער,
רופֿט צונויף קעגן איר די קיניגרייכן
אררט, מני, און אשכנז;
זעצט אויף קעגן איר אַ חיל־פֿירער,
ברענגט אַרויף פֿערד ווי האָריקע היישעריקן.
(כח) ברייט אָן קעגן איר די פֿעלקער,
די מלכים פֿון מדי,
אירע דוכסים און אַלע אירע פֿירשטן,
און דאָס גאַנצע לאַנד פֿון זיין ממשלה.
(כט) און די ערד שטורעמט און ציטערט,
וואָרום מקומים געוואָרן זיינען אויף בבל

די טראַכטונגען פון גאָט,
צו מאַכן לאַנד בבל צו וויסט, אָן אַ וואוינער.
(ל) די גיבורים פון בבל האָבן אויפגעהערט מלחמה האַלטן,
זיי זיצן אין די פעסטונגען;
אָפּגעטאָן האָט זיך זייער גבורה,
זיי זיינען געוואָרן ווי ווייבער:
מע האָט אָנגעצונדן אירע וואוינונגען,
צעבראָכן געוואָרן זיינען אירע ריגלען.
(לא) אַ לויפער קעגן אַ לויפער לויפט,
און אַן אָנזאָגער קעגן אַן אָנזאָגער,
אָנצוזאָגן דעם מלך פון בבל,
אַז זיין שטאָט איז באַצוואונגען פון אַלע עקן;
(לב) און די איבערפאָרן זיינען פאַרכאַפּט,
און די פעסטונגען האָט מען פאַרברענט אין פייער,
און די מלחמהלייט זיינען צעטומלט.

איז וואָס־זשע איז דערפון געדרונגען?

ערשטנס, אַז דער לכתחילהדיקער אשכנז (דער מענטש) איז געווען לויטן תנ״ך נחס אַ לייבלעכער אוראייניקל. נח האָט געבאָרן יפתן; יפת האָט געבאָרן גומרן; גומר האָט געבאָרן אשכנזן.

והשנית, אַז דאָ גייט אין פּסוקים פון חומש (און אין דברי הימים) וואו ס׳ווערן אָנגעגעבן ניט ווייניק ״אבות פון די אומות״: מענטשן אין דער תנ״כישער געשיכטע, פון וועמען עס זענען אַרויס פעלקער גאַנצע. פון נחס אוראייניקל אשכנז, זאָל האָבן אויסגעוואַקסן דאָס פאָלק און דאָס לאַנד אשכנז, וואָס ווערט דערמאָנט, אַ סך שפּעטער־צו אין דער געשיכטע, ביי ירמיהו הנביא.

לויט אָט־דער אוראַלטער טראַדיציע, שטאַמען אָפּ פון שם די סעמיטישע פעלקער (יידן און אַראַבער בתוכם). פונעם נאָמען ״שם״ האָט מען טאַקע אויסגעפורעמט, אַ סך שפּעטער, דאָס וואָרט ״סעמיטיש״ (אייגנטלעך ״שם־יטיש״). מ׳רעכנט אַז דאָס האָט אין ברייטערן באַנוץ אַריינגעפירט א. ל. שלעצער אין 1781.[5]

פון חם זאָלן שטאַמען די אַפריקאַנישע פעלקער.

און פון יפת זאָלן שטאַמען די אייראָפּעאישע פעלקער.

ווייסן מיר, הייסט דאָס, גלייך אויף אַן אָרט, אַז לויט אַ קדמונישער טראַדיציע געהערט ״אשכנז״ די ווייסע ניט־סעמיטישע פעלקער. עלטער אַ סך ווי די צווייטע

5 אין J. C. Eichhorn (ed.), *Repertorium fuer biblische und morgen laendische Literatur* 8 (1871), p. 161.

פרשה אין ספר בראשית איז אין דער יידישער געשיכטע אַ ביסל שווער זיך פאָרצושטעלן...

צווישן יפתעס זין (דאָס הייסט, געוויינלעך, אַז צווישן אשכנזעס פעטערס) טרעפט מען אויך "יון" (דאָס העברעאישע וואָרט אויף גריכנלאַנד) און "מדי", אַ נאָמען פאַר פערסיע. אויך דעמאָלט איז קלאָר געווען, אַז די פערסיער זענען ניט קיין סעמיטן, נאָר וואָס דען, פון די פעלקער וועלכע מ׳רופט היינט אָן (אינאיינעם גענומען): אינדאָ־אייראָפעער. די היינטיקע פערסיער זענען אפילו מוסלמענער לויטן גלויבן, נאָר קיין אַראַבער לויטן עטנישן שורש זענען זיי ניט.

אויב מ׳זאָל געוואָרנטערהייט אָנווענדן די קלאַסישע שיטה, אָפּלערנען גזירה שווה פונעם באַקאַנטן אויפן אומבאַקאַנטן אַריבער, וואָלט מען קענען טענהן, אַז: נעמענדיק אין באַטראַכט, ערשטנס, די אוראַלטע טראַדיציע וועגן יפתעס קינדער, און צווייטנס, די פעסטע אידענטיפיקאַציע פון "יון" מיט גריכנלאַנד און "מדי" מיט פערסיע, איז אַ סברא אַז: אשכנז באַציט זיך צו אַ ווייס, ניט־סעמיטיש פאָלק ערגעץ אין מיטלען מזרח.

אין די געבראַכטע שורות פון ירמיהו הנביא, ווערט דאָס לאַנד אשכנז אויסגערעכנט אין איין שורה מיט אררט און מני און אין נאָענטער שכנותשאַפט מיט מדי (פערסיע), וואָס דער נביא זאָגט אויף זיי נביאות, אַז זיי וועלן נעמען און חרוב מאַכן בבל.

ביי די געלערנטע אַמפערט מען זיך (כדרך הגעלערנטע...) וועגן דעם, וואו גענוי עס געפינט זיך דאָס לאַנד אשכנז וואָס ירמיהו הנביא דערמאָנט אין זיין נבואה, און געגוי וועגן וועלכן קדמונישן שבט עס גייט די רייד.[6] מערסטע זענען זיך משער, אַז דער תנ״כישער אשכנז איז געווען אין געגנט פון אַרמעניע (ערגעץ ניט ווייט פון אררט וואָס זאָל זיך אויך געפינען אומגעפער אין יענע מקומות...).

טייל געלערנטע האָבן פאָסטולירט צווישנדיקע סטאַדיעס, צווישן דעם אוראַלטן, תנ״כישן מיטל־מזרחדיקן אשכנז און "אונדזער" אשכנז. אויפן ערשטן אָרט גייען די דערוויזונגען אַז מ׳האָט אין געוויסע מקורות אָנגעווענדט דעם נאָמען "אשכנז" אויף די כוזרים און דערנאָכדעם אויף די סלאַוון. דער באַגרינדער פון אָט־דעם

6 זע למשל: Julius Fuerst, *A Hebrew and Chaldee Lexicon to The Old Testament*, Bernhard Tauchnitz: Leipzig – Wiliams & Northgate: London 1871, pp. 159-160; [Gotthard] D[eutsch], “Ashkenaz”: *The Jewish Encyclopedia*, vol. 2. Funk & Wagnalls: New York & London 1902, pp. 192-193; "גרמניא", זז. 308–316 אין י. ד. אייזענשטיין (רעד.), אוצר ישראל. אנציקלופידיא לכל מקצועות תורת ישראל, ספרותו ודברי ימיו. חלק שלישי. י. ד. אייזענשטיין: ניו־יאָרק 1909; י. ד. א[ייזענשטיין] "אשכנז", אין י. ד. אייזענשטיין (רעד.), אוצר ישראל. אנציקלופידיא לכל מקצועות תורת ישראל, ספרותו ודברי ימיו. חלק שני, ניו־יאָרק 1908: ז. 255; Y[ehoshua] M. G[rintz], “Ashkenaz”: *Encyclopaedia Judaica*, vol 3. Keter: Jerusalem 1971, p. 718 און די ביבליאָגראַפיע וואָס ביי זיי אַלעמען.

צווייג פון דערֹ פאָרשונג אַרום דעם וואָרט ״אשכנז״ איז אברהם אליהו הרכבי (1919-1835), טאַקע אַ קרוב פון יידישן לעקסיקאָגראַף אלכסנדר האַרקאַווי (1939-1863); ביידע זענען לייבלעכע קינדער פון די באַוואוסטע האַרקאַוויס פון נאַוואַרעדאָק (מינסקער גובערניע).

בויענדיק אויף א. א. הרכביס אַנטפּלעקונגען אין זיין בוך היהודים ושפת הסלאווים (ווילנע 1867),[7] האָט די־אָ ריכטונג פאַנאַנדעראַנטוויקלט שמואל קרויס.[8]

פירשט האָט אַרויסגערוקט אַ השערה, אַז די מזרח־אויף־מערב פּראָגרעסיעס אינעם אָנדייט פונעם נאָמען שטאַמען אין לעצטן סך־הכל פון אַ מיטל־מזרחדיקן שבט וואָס האָט בהדרגה איבערגעוואַנדערט אין צענטראַל אייראָפּע.[9] קיין געזונטע ראיות פאַרדערפאַר זענען אָבער ניטאָ. טשיקאַווע, וואָס פאָרשער זענען נוטה צו זוכן לאָגיק און געשיכטע דאָרטן וואו מענטשלעכע (און שפּראַכלעכע) אַסאָציאַציעס (און אפילו קאַפּריזן) קענען מיט זיך פאָרשטעלן דעם ריכטיקן מקור פון אַ זאַך.

אויף די פראַגע, ווען דאָס וואָרט ״אשכנז״ האָט גענומען באַדייטן ״דווקא״ די צענטראַל־אייראָפּעאישע, גערמאַניש־רײדנדיקע שטחים, האָט אַרויסגערופן אַ קענטיקן אינטערעס. ס׳גייט ניט נאָר אין דעם, וואָס מ׳האָט כמעט קיינמאָל ניט די ״געבורט־ספּראַווקע״ פון אַ נייעם באַנוץ פון אַ וואָרט; צו דעם קומען נאָך צו אַלערלייאיקע ספקות וועגן דעם באַדייט פון אַ וואָרט אין אַוועלכן ניט איז כתב־יד, אין דער דאַטירונג, און אין דער עצם וואָרהאַפטיקייט פונעם כתב־יד. צונץ האָט געהאַלטן אַז עמרם גאונס ״אשכנז״ (אינמיטן ניינטן יאָרהונדערט) איז די עלטסטע אויפווייזונג פון ״גערמאַנישן זין פון וואָרט״.[10] נאָר די געלערנטע האָבן דערויף אויפגעהויבן ניט ווייניק ספקות.[11] טייל האַלטן אַז די עלטסטע ״זיכערע אויפווייזונג״ פון דער עקוויוואַלענץ אשכנז = דייטשלאַנד איז אין אַ בריוו פון חסדאי אבן שפּרוט (געלעבט בערך 970-915) צום מלך פון די כוזרים; אַנדערע, בתוכם ריגער,[12] גיבן אָפּ

7 אברהם אליהו הרכבי, היהודים ושפת הסלאווים. מדרישות וחקירות בקורות בני ישראל בארץ רוסיא, בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם ראם: ווילנע 1867; מאסף נדחים. מאמרים לקורות בני ישראל ודברי הימים, פעטערבורג 1878, ז. 90 (וואו ער ברענגט אַראָפּ "ואשכנז אלכזר").

8 שמואל קרויס, "השמות אשכנז וספרד", אין תרביץ, ג: ד (1932), זז. 423–435. פגל. אויך *Germania Judaica, Band I, von den ältesten Zeiten bis 1238*, J.C.B. Mohr (Paul Siebeck): Tübingen 1963, p. XVII.

9 פירשט 1871 (זע הערה 6), זז. 159–160.

10 Dr. Zunz, *Die Ritus des synagogalen Gottesdienstes, geschichtlich entwickelt* [= *Die synagogale Poesie des Mittelalters, Zweite Abtheilung*]. Julus Springer: Berlin 1859, p. 66.

11 למשל דויטש 1902 (זע הערה 6), זז. 192–193.

12 P. Rieger, "אשכנז = Deutschland", pp. 455-459, *Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums* 80 (1936), p. 458.

אָטאָ די בכורה סעדיה־גאונען (942-882), לויט אַ דערמאָנונג וואָס ס׳האָט אַנטדעקט א. א. הרכבי.[13]

אָבער ניט דאָס זענען מיר אויסן. מ׳איז אויסן אַן אַנדער פראַגע, דהיינו: פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט מען צוגעטשעפּעט ״אשכנז״ צום גערמאַנישן שטח אין צענטראַל אייראָפּע?

## III

דערויף טרעפט מען ביי די געלערנטע פאַרשיידענע סברות.

מאַקס ווײַנרייך האָט געמאַכט אַזאַ סך־הכל:

> דער נאָמען אשכנז: ווי אַזוי פונעם תנ״כישן נאָמען (אין דעם יחוס־בריוו פון פעלקער, בראשית י) איז אין מיטלעלטער געוואָרן דער נאָמען פון דייטשע יידן, האָט מען אָפט געפּרואווט טרעפן. קיין באַפרידיקנדיקע דערקלערונג איז נאָך ניטאָ. אפשר וואָלט מען געדאַרפט ווי אַ צווישנגליד אין דער אַרגומענטאַציע אַריינפירן דעם פאַקט, אַז פון אַ פריאיקער צייט איז אויך פאַראַן אַ פירוש אשכנז 'אַרמעניע'. אויב מען זאָל דאָס אויסברייטערן צו מיינען 'קאַווקאַז', וואָלט דאָס אפשר געקענט אָנווייזן אויף אַן אַריבערטראָגונג פון פשט: תחילת זענען אשכנזים געווען יענע יידן ווײַטהענדלערס פון די אַזיאַטישע מרחקים, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין לותיר; שפּעטער האָט מען אַזוי גענומען באַצייכענען אַלע לותירער יידן. זאָל די השערה אויך בלייבן ווי מאַטעריאַל אין דער פלוגתא אַרום דעם אָפּשטאַם פונעם נאָמען.[14]

ווײַנרייכס טענטאַטיוו־פאָרזיכטיק אַרויסגערוקטע השערה קען מען משיג זיין אין גייסט פון די פריערדיקע פאָרשער וועלכע האָבן געזען אין דער סעמאַנטישער אַנטוויקלונג דאָ — אַ געאָגראַפישע איבערטראָגונג פון איין שטח ביז אויף אַ (לפי ערך) שכנותדיקן. דער עיקר פון ווײַנרייכס פּאַראַגראַף וועגן דעם ענין איז אָבער פאָרט אפשר זיין כוללדיקע אָפּשאַצונג וועגן די אַלע השערות, דהיינו אַז ״קיין באַפרידיקנדיקע דערקלערונג איז נאָך ניטאָ״.

אַ צווייטע ריכטונג האָט אויסגעזוכט ענלעכקייטן צווישן וואָרט ״אשכנז״ און די נעמען פון פאַרשיידענע ערטער אין פאַרשיידענע תקופות אין צענטראַל אָדער צפון אייראָפּע. שוין אין זעקסטן יאָרהונדערט האָט מען אין אַ לאַטיינישן מקור אידענטיפיצירט אשכנז מיט סקאַנדזאַ אָדער סקאַנזיאַ, נעמען וועלכע האָבן אָנגעצייכנט אויף סקאַנדינאַוויע, דאָס היימלאַנד פון געוויסע גערמאַנישע שבטים. אַנדערע

13 הרכבי 1878 (זע הערה 7, ז. 1). אַ געקליבענע ביבליאָגראַפיע צו דער פראַגע וועגן באַנוץ פון ״אשכנז״ אין דער רבנישער ליטעראַטור ברענגט זימעלס: H. J. Zimmels, *Ashkenazim and Sephardim. Their Relations, Differences, and Problems as Reflected in the Rabbinical Responsa*, Oxford University Press: London 1958, p. 10, n. 1.

14 ווײַנרייך, געשיכטע (זע הערה 3), III, 4.

פֿאַרקערט האָבן געזען אַ קלאַנגיקע ענלעכקייט צווישן ״אשכנז״ און ״סאַקסאָן״, באַמערקנדיק אַז די ״סאַקסאָנען״ האָבן מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אין דער שאַרלאַמאַנישער תקופֿה דעם עיקרדיקן גערמאַנישן קאָמפּאָנענט אין דער פֿראַנקישער מלוכה.[15]

לאָזנדיק אָן אַ זייט די עצם פֿאָרגעשלאָגענע פּתרונות, איז קלאָר אַז אַזאַ מין שיטה — דאָס אויסזוכן קלאַנגיקע ענלעכקייט מיט תנ״כישע נעמען ביים געבן אַ ״יידישן״ נאָמען אַ מאָדערנעם שטח אָדער פֿאָלק — קען זיך לייגן אויפֿן שכל. ריגער האָט אַזאַ שיטה אָנגעווענדט אין אַ גאַנצער ריי אַנאַלאָגישע פֿאַלן, פֿאַרגלייכנדיק צווישן אַנדערע ״הגר״ מיט אונגאַרן (הנגרין); ״ספֿרד״ מיט שפּאַניע; ״צרפֿת״ מיט פֿראַנציאה; תוגרמה מיט טערקיי.[16] אין אַ טראַדיציע פֿון שפּראַכיקשפּילעוודיקע אַסאָציאַציעס ביים ״רעציקלירן״ אוראַלטע נעמען אויף שפּעטערדיקע געאָגראַפֿיש־קולטורעלע באַגריפֿן, איז די אומרעגלמעסיקייט פֿון די קאָרעספּאָנדענצן ניט מבטל אַ השערה, ווי ס׳איז דער פֿאַל אין הלכות עטימאָלאָגיע סתם. בלייבן בלייבט עס ביים: צריך עיון. נאָר וואָס שייך ״אשכנז״ גופֿא איז די קלאַנגיקע ענלעכקייט מיט די אויסגעגראָבענע אייראָפּעאישע נעמען אויף גערמאַנישע שטחים גאָרניט איבערצייגעוודיק.

פֿאַרוואָר, ביי אַ פֿאָלק וועמענס העלדן עס זענען שוין טויזנטער יאָרן ניט קיין גלאַדיאַטאָרן און ניט קיין ריטער מיט שפּיזן און שווערדן, נאָר וואָס דען: געלערנטע, קענער, תלמידי־חכמים, רבנים, מחברים, איז מער שייך צו זוכן קלאַנגיקע ענלעכקייטן אין די ספֿרים אין וועלכע מ׳האָט זיך דור־דורות פֿאַרטיפֿט.

דער באַגרינדער פֿון אָטאָ־דער מעטאָדאָלאָגיע איז געווען אליה בחור (געלעבט בערך 1549-1469), דער גרויסער לשון־קודשדיקער בעל־מדקדק און יידישער פּאָעט, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין ניישטאָט ביי נירנבערג און האָט אַ גרויסן טייל פֿון זיינע יאָרן אויסגעלעבט אין איטאַליע. ער איז בכלל דער גרינדער פֿון דער יידישער עטימאָלאָגיע.[17] איז קיין חידוש ניט, וואָס ער האָט אויך אַוועקגעשטעלט דעם ערשטן ווינקלשטיין אויך צום באַשייד פֿון דער מיסטעריע פֿון ״אשכנז״. ער שרייבט אין זיין ״תשבי״:

**אשכנז.** הכל נוהגין לקרא לארץ אלימאניה אשכנז בלשון אשכנז טוייטש לאנד ׀ ונראה לי כי לקחו זה מתרגום ירושלמי שתרגם גומר ומגוג אפריקי וגירמניא ׀ ובלשון רומי נקראת ארץ אשכנז גיר מניא ברפי על הגימל ׀ ובערוך בשורש גרמן פירש לבן

15 וועגן די ביידע אײַנפֿאַלן זע "Ashkenaz": pp. 719-722, *Encyclopaedia Judaica*, vol 3. Keter: Jerusalem 1971, p. 719.

16 ריגער 1936 (זע הערה 12), ז. 458.

17 הירשע־דוד קאַץ, ״אליה בחור, דער ערשטער יידישער לינגוויסט״. רעפֿעראַט אויף דעם דריטן יערלעכן אָקספֿאָרדער ווינטער סימפּאָזיום איבער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, 13–15טן דעצעמבער 1987.

ביותר וזה הוא האשכנזי ׀ ובפסוק אשר כנענים עד צרפת כתב רבי אבן עזרא כי שמע מפי גדולים שארץ אלימניה הם כנענים שברחו מפני בני ישראל.[18]

דאָס הייסט:

אשכנז. אַלע זענען איינגעוואוינט אָנצורופן דאָס לאַנד אַלימאַניע ״אשכנז״, אויף לשון אשכנז: דייטשלאַנד. און מיר זעט אויס אַז דאָס האָט מען גענומען פונעם תרגום ירושלמי [פונעם חומש, אויסרעדאַגירט ניט שפּעטער ווי אין זיבעטן אָדער אַכטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוסן, הגם טיילן דערפון זענען אָן אַ שיעור עלטער], וואָס האָט איבערגעזעצט גומר ומגוג [צוויי פון יפתעס זין, בראשית י׳: ב]: ״אפריקי און גירמניא״. און אין דער רוימישער [= לאַטייִנישער] שפּראַך רופט זיך דאָס לאַנד אשכנז ״גירמניא״ מיט אַ רפה איבערן גימל [אַפּנים γ]. און אינעם ״ערוך״ [רבי נתנס ווערטערבוך פון עלפטן יאָרהונדערט], אונטערן שורש ״גרמן״ האָט ער פאַרטייטשט: ״סאַמע ווייס״ און דאָס איז טאַקע דער דייטש! און וועגן פסוק ״אשר כנענים עד צרפת״ [׳וואָס צווישן די כנענים, אַזש ביז אין צרפת׳, עובדיה א: כ], האָט געשריבן רבי אבן עזרא [דער ספרדישער מפרש, מדקדק און פּאָעט, 1089-1164], אַז ער האָט געהערט פון מויל פון גדולים אַז דאָס לאַנד אַלימאַניאַ, דאָס זענען די כנענים וואָס זענען אַנטלאָפן געוואָרן פאַר די בני ישראל.

ס׳ווערן ביי ר׳ אליהן אַרייַנגעפּרעסט אין אַ צימצומדיקער ראַם אַ שלל מיט לינגוויסטישע מחשבות און פאָלקלאָריסטישע ידיעות. צוויי געדאַנקען זענען אַמערסטנס צום פונקט אין דער איצטיקער חקירה. ראשית, אַז איינע פון די אַלטע תנ״כישע איבערזעצונגען אויף אַראַמיש האָט פאַרטייטשט דעם נאָמען פון גומרס ברודער מגוג מיט ״גירמניא״, וואָס איז שיער ניט אידענטיש מיט דער לאַטייִנישער Germania, וואָס באַצייכנט דייטשלאַנד. צווייטנס: אַז דאָס לשון־קודשדיקע וואָרט ״גרמן״ איז טייטש ״זייער ווייס״; די גערמאַנען זענען אַ בלייך, ווייס פאָלק.

דער עיקר, ר׳ אליה האָט אונדז אַרויפגעפירט אויף אַ דרך. אין אַ פרע־אשכנזישן מקור פון מיטעלן מזרח — אין איינעם פון די תרגומים — ווערט מגוג (גומרס ברודער און אשכנזעס פעטער, בראשית י׳: ב) אָנגערופן ניט מגוג נאָר ״גירמניא״. זאָל דאָס אפילו זיין אַן אַנדער ״גירמניא״, משמעות ערגעץ אין מיטעלן מזרח, וואָלט לייכט געווען אָנצונעמען אַז מ׳האָט די נייע גירמניא אידענטיפיצירט מיט אַ גירמניא אין תרגום (וואָס איז צוגעפּאַסט צו אַן אינדאָ־אייראָפּעאיש פאָלק, ווייל פון די בני יפת), און מ׳האָט אויסגעקליבן דאָס תנ״כישע וואָרט וואָס ווערט דורך דעם פאַרטייטשט. דאָס אָנווענדן ״גרמן״ = ׳ווייס הויטיקער׳ האָט געקענט אויך זיין אַ מיט־גורם ביים ״רעציקלירן״ אַ תנ״כישן נאָמען. וועגן דעם וועט גיין די רייד ווייטער.

18 אליה בחור, ספר התשבי לאליהו התשבי שרשיו כמנין תשבי. פ ב [= פּוילוס פאַגיוס]: איזנא (איסני) 1541: ז. [18]; פגל: Moritz Peritz, “Ein Brief Elijah Levita’s an Sebastian Münster”: pp. 252-267, *Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums* 38 (1894), p. 260-261.

טאַקע ״אַרויפגעפּירט אויף אַ דרך״ אָבער ניט ״פּותר חלום געווען״ מחמת ס׳איז בשכנותשאַפט, אָבער ״פּאָרט ניט דאָס״. ״גירמניא״ אינעם תרגום ירושלמי, וואָס ר׳ אליה ברענגט אַראָפּ, באַציט זיך אויף מגוג: ניט אויף דעם תנ״כישן אשכנז, און ניט אויף זיין פאָטער, גומר, נייערט אויף זיין פעטער (דעם פאָטערס — גומרס — ברודער). די־אָ אידענטיפיקאַציע טרעפט זיך אויך אין מדרש בראשית רבה, וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן ניט שפּעטער ווי אָנהייב פינפטן יאָרהונדערט. דאָרטן שרייבט זיך (לז: א), אַז גומר און מגוג, דאָס זענען: ״אַפריקא וגירמניא״.

## IV

אין דער גמרא, אין דער מסכתא ״יומא״ שטייט געשריבן:

> א״נ סליקו כולהו בימי עזרא לא הוה שריא שכינה במקדש שני דכתיב יפת אלהים ליפת וישכן באהלי שם אף על גב דיפת אלהים ליפת אין השכינה שורה אלא באהלי שם ופרסאי מנא לן דמיפת קאתו דכתיב בני יפת גומר ומגוג ומדי ויון ותובל ומשך ותירס גומר זה גרממיא [אונדזער אונטערשטרייכונג] מגוג זו קנדיא מדי זו מקדוניא יון כמשמעו תובל זה בית אונייקי משך זו מוסיא תירס פליגי בה ר׳ סימאי ורבנן ואמרי לה רבי סימון ורבנן חד אמר זו בית תרייקי וחד אמר זו פרס תני רב יוסף תירס זו פרס [...]

(יומא ט עמוד ב — י עמוד א)

דער טייטש דערפון:

> אפילו ווען זיי וואָלטן אַלע אַרויפגעגאַנגען אין דער צייט פון עזרא, וואָלט די שכינה ניט גערוט איבערן צווייטן בית־המקדש, ווייל ס׳שטייט געשריבן [אין בראשית ט: כז]: ״גאָט וועט פאַרגרעסערן יפת, און ער וועט וואוינען אין די געצעלטן פון שם״. [דאָס איז טייטש אַז] ניט קוקנדיק וואָס גאָט האָט גרויס געמאַכט יפת, רוט די שכינה פונדעסטוועגן בלויז אין די געצעלטן פון שם. און פון וואַנעט ווייסן מיר אַז די פּערסיער שטאַמען פון יפת? ווייל ס׳שטייט געשריבן [אין בראשית י: ב]: ״די זין פון יפתן זענען געווען: גומר, און מגוג, און מדי, און יון, און תובל, און משך, און תירס״. גומר דאָס איז — גרממיא [אונדזער אונטערשטרייכונג]; מגוג, דאָס איז — קנדיא; מדי, דאָס איז מקדוניא; יון — לויטן פשט (ד.ה. גריכנלאַנד); תובל, דאָס איז — בית איניקי; משך, דאָס איז — מוסיא; תירס, דאָס איז אַ מחלוקת צווישן ר׳ סימאי און די רבנים (אָדער לויט אַנדערע, צווישן ר׳ סימון און די רבנים). איינער זאָגט אַז דאָס איז — בית תרייקי, און יענער זאָגט אַז ס׳איז פּערסיע. ר׳ יוסף האָט אָפּגעלערנט: תירס, דאָס איז — פּערסיע. [...]

די רבנים האָבן אין דער צייט פון דער גמרא וואויל געוואוסט, הייסט דאָס, אַז די פּערסיער זענען אינדאָ־אייראָפּעער (אין די קלאַסישע טערמינען: קינדער פון יפת). דאָס געהערט אָבער אַן אַנדער פּרשה.

שפּראַך־שעפּעריש גענומען די קלאַנגיקע ענלעכקייט און געגעבן, לויטן שטייגער, אַ תנ״כישן נאָמען דעם נייעם יידישן ישוב. אַז דאָס איז געווען ״לויטן שטייגער״ פעלן ניט קיין ראיות (פגל. ״כנען״, ״ספרד״ און די אַנדערע). די היסטאָרישע פּאַראַנענקייט פון אָטאָ דעם ״נאָמען־שאַפנדיקן פּראָצעס״ איז אַ זיכערע זאַך.

V

די ״ברייטערע קשיא״ ווערט אַזוי אַרום פאַרענטפערט דורך די אוראַלטע יידישע מקורות.

פאַראַן פאַרשיידענע טראַדיציעס. לויט זיי אַלע, איז אַ לאַנד און אַ שבט מיט אַ נאָמען ענלעך אויף Germania מיט טויזנטער יאָרן צוריק שוין פאַרבונדן געווען מיט איינעם פון די ערשטע דורות בני יפת, ד.ה. מיט איינעם פון די נאָענטע מקורבים פון אשכנזן, דעם אוראייניקל פון יפת (לויט בראשית י: א-ג; דברי הימים א, א: ד-ו).

די דריי עיקרדיקע טראַדיציעס זענען אָט וועלכע:

(א) אשכנזעס פעטער מגוג (דעם פאָטערס, גומרס, אַ ברודער) אידענטיפיצירט מען מיט: גרמניא (לויטן תרגום ירושלמי און בראשית רבה);

(ב) אשכנזעס ברודער תוגרמה אידענטיפיצירט מען מיט: גרממיא (לויטן תרגום יחזקאל); צי מיט גרמנייא, און לויט ר׳ ברכיהן: גירמניקייא (ביידע נוסחאות אין בראשית רבה);

(ג) אשכנזעס פאָטער — גומר גופא — אידענטיפיצירט מען מיט: גרממיא (לויטן בבלי אין יומא און לויטן ירושלמי אין מגילה).

בלייבט נאָר ״איין קליינקייט אַ צרה״: די טראַדיציע וואָס פאַרענטפערט אַמשאַרפסטן די קשיא, אַז אַן אַמאָליקע גרמניא וואָס מ׳האָט צוגעאייגנט צו אשכנזעס פאָטער (ד.ה. בעצם צו אשכנזן גופא, ווייל ס׳גייט דאָך די רייד וועגן די קינדער און קינדסקינדער פון די תנ״כישע ״אבות האומות״) איז גאָר געווען מיט אַ מם (גרממיא) און ניט מיט אַ נון (גרמניא), וואָס איז בפירוש האָמאָפאָניש מיט דער צענטראַל־אייראָפּעאישער Germania = דייטשלאַנד (און פונדערפון: די יידן און זייערע באַזעצונגען און זייער ציוויליזאַציע וואָס וואַקסן אַרויס פון יענע מקומות).

אָטאָ־די קשיא האָט אונדז געפּרואווט פאַרענטפערן ניט קיין קלענערער ווי דער ווילנער גאון, ר׳ אליהו בן שלמה־זלמן (1720-1797), וועמענס 200טן יאָרצייט די יידישע וועלט האָט אָקערשט אָפּגעצייכנט.

צווישן די אַלע גרויסע רבנים וועלכע האָבן אָנגעשריבן פּירושים אויפן תלמוד, איז דער ווילנער גאון אָן קיין שום ספק דער ״מאָדערנסטער״ וואָס שייך דער וויסנשאַפטלעכער מעטאָדאָלאָגיע. אַז ס׳איז שווער צו פאַרשטיין וואָס אינעם טעקסט, טרעפט ניט זעלטן ביי אַ סך מפרשים, אַז מ׳לאָזט זיך אַריין אין קאָמפּליצירטע גריבלענישן און פילגאָרנדיקע פּילפּולים, בכדי ״זיך אַרויסצודרייען״.

ביים ווילנער גאון איז אָבער געווען אַ גרונט־הנחה, אַז אָפּטמאָל שטאַמען די שווערקייטן פון דעם וואָס דער טעקסט גופא איז ניט ריכטיק, מחמת עס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט גרייזן אין משך פון איבערשרייבן, ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל, די תלמודישע טעקסטן אין גאַנג פון די אַלע דורות; טייל גרייזן זענען דערנאָך ״קאַנאָניזירט״ געוואָרן אין די געדרוקטע אויסגאַבעס. דער גאון האָט זיך דאָ באַנוצט מיטן מעטאָד, וואָס יעדער געניטער טעקסט־פאָרשער ווענדט אָן ביזן היינטיקן טאָג, ביים אַנאַליזירן און אַרויסגעבן אַן אַלטן טעקסט. מען פאַרגלייכט מיט אַנדערע טעקסטן אָדער מיט אַנדערע וואַריאַנטן פון זעלביקן טעקסט. דער ציל: רעקאָנסטרואירן דעם ריכטיקן, מקורותדיקן נוסח וואָס איז פאַרפאַלן געגאַנגען.

איז לאָמיר זיך אומקערן צו דער גמרא אין דער מסכתא יומא, דף י עמוד א, וואו עס שטייט: ״גומר זה גרממיא״ (גומר, דאָס איז גרממיא). אינעם גאונס פירוש, ״הגהות הגר״א״, שרייבט ער קורץ און שאַרף:

גרממיא. צ״ל גרמניא (ועמ״ש בא״ר רפ״ב דנגעים).

(הגהות הגר״א, יומא דף י עמוד א)

דאָס איז טייטש:

גרממיא [מיט אַ מם]. ס׳דאַרף זיין: גרמניא [מיט אַ נון] (און זע וואָס איך האָב געשריבן אין ״אליהו רבה״ ביים אָנהייב פון פרק ב פון [דער משנה] נגעים).

דאָרטן, ביים אָנהייב פון פרק ב פון דער משנה נגעים, שטייט:

בהרת עזה נראית בגרמוני כהה, והכהה בכושי עזה. רבי ישמעאל אומר בני ישראל אני כפרתן הרי הן כאשכרוע לא שחורים ולא לבנים אלא בינונים. רבי עקיבא אומר יש לצירים סממנין שהן צרין צורות שחורות לבנות ובינונית. מביא סם בינוני ומקיפו מבחוץ ותראה כבינוני. רבי יהודה אומר מראות נגעים להקל אבל לא להחמיר, יראה הגרמני בבשרו להקל והכושי בבינוני להקל. וחכמים אומרים זה וזה בבינוני.

נגעים (פרק ב, משנה א)

איבערגעזעצט אויף יידיש:

אַ בולט־ווייסער פלעק זעט אויס טעמפּ [אויף דער הויט פון] אַ ווייסן [אָדער: אַ גרמני/גערמאַנער]. און אַ טעמפּער [ווייסער פלעק] זעט אויס בולט־ווייס [אויף דער הויט פון] אַ שוואַרצן [אָדער: אַ כושי/עטיאָפּער]. ר׳ ישמעאל זאָגט: די יידן — איך װעל זיך ברענגען ווי אַ כפרה פאַר זיי — זיי זיינען דאָך ווי בוקסבוים, ניט שוואַרץ און ניט ווייס נאָר פון אַ מיטלדיקן קאָליר. ר׳ עקיבא זאָגט: מאָלער האָבן פאַרבן מיט וועלכע זיי פאַרבן אויס געשטאַלטן אויף שוואַרץ, אויף ווייס און אויפן מיטלדיקן קאָליר. דאַרף מען [אין פאַל פון דעם וואָס מ׳פאַרדעכטיקט אויף אים צרעת] ברענגען אַ מיטלדיקן קאָליר און אַרומלייגן אַרום [דעם פלעק], און מ׳וועט זען [דעם קאָנטראַסט] ווי ביי אַ מענטש פון מיטלדיקן קאָליר. ר׳ יהודה זאָגט: די כללים וועגן די קאָלירן פון צרעת־פלעקן דאַרף מען אָנווענדן אויף צו פאַרלייכטערן [דעם דין], ניט אויף צו

פאַרשטרענגערן. אַזוי אַרום, דאַרף מען אַ ווייסן [גרמני] משפטן מיט פאַרלייכטערונג לויט זיין אייגענער הויט און אַ שוואַרצן [כושי] מיט פאַרלייכטערונג לויט דער מיטלדיקער הויט; אָבער די חכמים זאָגן אַז ביידע דאַרף מען משפטן לויט דער [הויט פונעם] מיטלדיקן.[21]

און אין זיין ״אליהו רבה״ אויף נגעים, שרייבט דער גאון:

פ״ב א בגרמוני. זה איש מבני גומר כדאמרינן ביומא גומר זה גרממיא וגרסינן גרמניא וכ״ה בילקוט. והוא שבני נח דרים בג׳ רוחות העולם שם במזרח יפת בצפון חם בדרום ומפני שהחמה בדרום נמוך הוא מאד בני אדם הדרים שם שחורים וכוש הוא מבני חם ודר בסוף דרום הלכך הם שחורים ביותר מחמת השמש ובני יפת הם דרים בצפון ורחוקים הם מהשמש הלכך הם לבנים וגומר דר בסוף צפון הלכך הם לבנים ביותר. ובכושי שהוא שחור ביותר כהה נראית עזה ובגרמוני שהוא לבן ביותר עזה נראית כהה.[22]

אויף יידיש:

פרק ב, משנה א. ״בגרמוני״. דאָס איז אַ מענטש פון די בני גומר, ווי מיר זאָגן אין דער מסכתא יומא: ״גומר דאָס איז גרממיא״ און מיר זיינען גורס אַז עס דאַרף זיין: גרמניא [מיט אַ נון] און אַזוי איז דאָס אויך אינעם ילקוט [ילקוט שמעוני, די פּאָפּולערע אַנטאָלאָגיע פונעם מדרש]. ס׳גייט אין דעם, וואָס די בני נח וואוינען אין די דריי ריכטונגען פון דער וועלט: שם אין מזרח. יפת אין צפון. חם אין דרום. און צוליב דעם וואָס די זון אין דרום איז זייער נידעריק, זיינען די מענטשן וועלכע וואוינען דאָרטן שוואַרצע. און כוש איז פון די בני חם און וואוינט אין סאַמע עק דרום, און דערפאַר זיינען זיי די סאַמע שוואַרצע, צוליב דער זון. און די בני יפת, זיי וואוינען אין צפון און זיינען ווייט פון דער זון, און דערפאַר זיינען זיי ווייסע. און גומר וואוינט אין סאַמע עק צפון, און דערפאַר זיינען זיי די סאַמע ווייסע. און ביים כושי, וואָס איז סאַמע שוואַרץ, זעט אויס אַ טעמפּער [ווייסער פלעק] — בולט. און ביים גרמוני, וואָס איז סאַמע ווייס, זעט אויס אַ בולטער [ווייסער פלעק] — טעמפּ.

פון דער משנה זעט זיך אַרויס, אַז פונקט ווי ״כושי״ קען באַדייטן סיי ״עטיאָפּער״ און סיי ״שוואַרץ־הויטיקער״, קען ״גרמני״ באַדייטן סיי ״גערמאַנער״ (פון וועלכער ניט איז פון די ״גערמאַניעס״) און סיי ״ווייסהויטיקער״. הייסט דאָס אַז דער ווייסער קאָליר פון די ניט־סעמיטישע אייראָפּעאישע פעלקער ווערט באַטראַכט ביים ווילנער גאון, פונקט ווי ביי ר׳ אליה בחור פאַר אים, ווי אַ צוגאָב־ראיה צו דער אידענטיפיצירונג

21 אַן אַנדער יידישע איבערזעצונג קען מען טרעפן אין: שמחה פיעטרושקא, די זעקס סדרים משניות מיט נקודות. איבערזעצונג און פירוש אין יידיש פון שמחה פיעטרושקא. זעקסטער באַנד. סדר טהרות. רעווידירטע אויסגאַבע. גלעד פאַרלאַג: ניו־יאָרק 1955, זז. 266–267.

22 ״אליהו רבה״ אויף נגעים, פרק ב משנה א. געבראַכט לויט דער אויסגאַבע: ברין 1802, דף יב. אַ דאַנק משה־נתן ראָזענפעלדן פאַר אַ פאָטאָקאָפּיע דערפון.

פון גרמניא מיט דייטשלאַנד, צוליב דער ווייסער הויט פון די אייראָפּעאישע גערמאַנער.

ס׳קען אָבער גרייַלעך זיין אַז דאָ איז די סעמאַנטישע כראָנאָלאָגיע אַ פאַרקערטער ווי ביים כושי. וועגן דעם לאַנד כוש (עטיאָפּיע) און דער שוואַרצער הויט פון די עטיאָפּער קען אין דער געשיכטע פון אַלטערטום קיין ספק ניט זיין. ס׳הייסט אַז פונעם באַגריף כושי = ״עטיאָפּער״ איז אויסגעוואַקסן דער באַגריף כושי = ״שוואַרץ־הויטיקער״; קודם איז געווען דאָס לאַנד ״כוש״. ביי ״גרמני״ (אָדער ״גרמוני״) קען געמאָלט זיין אַז דער באַדייט ״ווייס־הויטיקער״ האָט עקזיסטירט ווי אַ לשון־קודשדיק און אַראַמיש וואָרט, אינגאַנצן באַזונדער פון אַוועלכע ניט איז פון די אידענטיפיקאַציעס מיט די בני יפת, לויטן לשון־קודשדיקן שורש ״גרם״ וואָס הייסט ״ביין״ און פון וואַנעט ס׳איז אַרויסגעוואַקסן, צוליב דעם קאָליר פון ביינער, דער באַדייט ״ווייס״.[23]

דער עיקר, דער ווילנער גאון האָט געזען אין דער פאָרם ״גרממיא״ (גערמאַמיאָ) אַ טעות הסופרים, און האָט דאָס פאַרריכט אויף ״גרמניא״ (גערמאַניאָ).

אגב, אַ ראיה פאַרן גאונס הגהה טרעפט מען אינעם תרגום דברי הימים וואו גומר ווערט פאַרטייטשט: גרמניא מיט אַ נון.[24]

דער סך־הכל:

שוין אין ספר בראשית ווערן די בני יפת צוגערעכנט צו די ווייסע ניט־סעמיטישע פעלקער. יפת האָט געהאַט זיבן זין, צווישן זיי: יון, וואָס איז דער העברעאישער נאָמען אויף — גריכנלאַנד; און מדי, וואָס איז די באַצייכענונג אויף פּערסיע; גומר. גומר האָט געהאַט דריי זין: אשכנז, ריפת און תוגרמה.

אין די צייטן פון דער גמרא (ד.ה. מיט העכער אָנדערהאַלבן טויזנט יאָר צוריק), האָט מען אידענטיפיצירט דעם תנ״כישן גומר מיט אַן אָרט, ערגעצוואו אין מיטעלן מזרח, וואָס האָט זיך גערופן ״גרמניא״ אָדער ״גרממיא״.

געווען אויך אידענטיפיקאַציעס פון גרמניא מיט יפתעס זון מגוג (אשכנזעס פעטער) און מיט תוגרמה (אשכנזעס ברודער).

שפּעטער־צו, אַז מ׳האָט אויפגעבויט אַ נייע יידישע ציוויליזאַציע אין אַ צענטראַל אייראָפּעאיש לאַנד Germania, און מ׳האָט געזוכט פאַרדערפאַר אַ נאָמען, האָט מען לאַנג ניט געדאַרפט זוכן. מ׳האָט אין דער פרשה נח נאָכגעקוקט ״גומר״, דעם תנ״כישן אַדרעסאַט פון דער תלמודישער ״גרמניא״. געזען אַז ס׳שטייט געשריבן: ״ובני גומר אשכנז וריפת ותוגרמה״ (און די זין פון גומר: אשכנז, ריפת און תוגרמה), האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויפן ערשטן, און — שוין.

23 תלמודישע מראה־מקומות צו ״גרמני״ און ״גרמוני״ ברענגט בלאַקמאַן: Philip Blackman, *Mishnayoth. Volume VI. Order Taharoth,* Judaica Press: New Yoork 1965, p. 323, n. 2.

24 Adolphe Neubauer, *La Géographie du Talmud*, Michel Lévy Frères: Paris 1868, זע p. 420. דעם זעלטענעם באַנד האָב איך צו פאַרדאַנקען קלמן קאָוול ז״ל.